

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פקודי

# די וויכטיגסטער פלאץ אין אונזער לעבן

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים

כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון דיין טאטע

### פרשת פקודי

# די וויכטיגסטער פלאץ אין אונזער לעבן

## פרייטאג צונאכטס ביי משפחת גרינבערג

מען האט שוין געהאלטן נאך די פיש, ווען משפחת גרינבערג האט אנגעהויבן צו רעדן איבער די פרשה פון די וואך. נאכדעם וואס די קליינע אסתי האט אזוי זיס געענטפערט אויף די שאלות פון איר לערערינ׳ס פרשה צעטל, האט דער טאטע מיט הערשי אנגעהויבן צו איבערגיין די פרשה מיט מער פרטים, בשעת די מאמע אינאיינעם מיט די מיידלעך האבן אנגעהויבן אראפרוימען די פיש טעלערס.

"טאטי, איך האב א שאלה, האט הערשי זיך געוואנדן צו דער טאטע, "פארוואס רעדן מיר נאך פון דער משכן? מיר האבן שוין געהאט עטליכע פרשיות וואס האבן דערציילט איבער דער משכן. עס קען אויסקוקן ווי מען חזר׳ט איבער די זעלבע זאך נאכאמאל! און קוק, עס זענען כמעט נישט דא קיין רש"י׳ס ווייל די פסוקים זענען אזוי ענדליך צו די פרשיות פון תרומה און תצוה?

און נישט נאר דאס נאר דער משכן איז דאך געשטאנען נאר די פערציג יאר וואס מען האט געוואנדערט אין מדבר און יעצט האבן מיר מער נישט קיין משכן. פארוואס דארפן מיר עס איבערחזר׳ן אזויפיל מאל, אזויפיל יארן שפעטער?

"דו פרעגסט גוט! האט דער טאטע אים געגעבן א קאמפלימענט, עס דערקענט זיך אז דו קלערסט אריין אין וואס דו לערנסט. אבער פאר איך ענטפער דיר אויף דיין שאלה, וויל איך זען אויב דו וועסט אליינס צוטרעפן א תשובה. לאמיר זען, אויב עס וועט דיר געלונגען ביז מארגן ביי די טשאלענט צו אויפקומען מיט די ענטפער. און אויב דו וועסט ריכטיג צוטרעפן וועסטו באקומען א דאפלטע פארציע פון די זיסע נאכשפייז!"

"איך וועל בעטן דעם באשעפער, ער זאל מיר אריינשיינען א תשובה," האט הערשי געענטפערט.

## שבת אינדערפרי אויפן וועג צום שול

טאטי מיט הערשי האבן דערגרייכט דעם הערליכן געביידע פון ׳קהילת בני אביגדור׳. ביים אריינגאנג, אינדרויסן איז געשטאנען ריטשארד, דער שבת גוי.

"גוט מארגן ריטשארד," האבן זיי אים באגריסט פריינטליך און מענטשליך.

"היי, צו ענק אלע," האט ריטשארד צוריק געפאכעט מיט די הענט, "איך האב א וויכטיגע שאלה, קען איך ענק פרעגן?"

"פארוואס נישט?"

האט דער טאטע פרובירט צו זיין העפליך, "וואס איז דיר שווער?"

"איך מוז וויסן, פארוואס קומען ענק אייביג צום סינאגאג? האט ריטשארד געוואלט פארשטיין. איך מיין נישט... המם... ענק צו... המם.. זיך אריינצומישן, אבער איך בין סתם נייגעריג... ענק קומען דא זעקס מאל א טאג פאר "פרעיערס" און אויב דאס איז נאכנישט גענוג קומען ענק צוריק פאר "בריססעס" און "באר מיצוואוס" און א סך מאל קומען ענק נאר סתם צו זיצן און ליינען פון יענע



גרויסע ביכער... וואס פעלט ענק אויס צו קומען אזויפול מאל אין סינאגאג?"

דער טאטע האט זיך אונטערגעשמייכלט. "ריטשארד, מיר קומען נאר דריי מאל א טאג, אבער אלס תורה-אידן איז אונזער וויכטיגסטער זאך אין אונזער לעבן צו דינען השם, דעריבער איז דער סינאגאג דער וויכטיגסטער פלאץ פאר אונז, און אלע אונזערע וויכטיגע זאכן טוען מיר דארט.

ריטשארד האט געשאקלט מיטן קאפ, "אה, איך פארשטיי, טענק יוא!" אבער עס האט אויסגעזען ווי ער פארשטייט בכלל נישט. גיי זיי מסביר פאר א גוי'ישע קאפ וואס דאס מיינט עבודת השם אין שול...

## נאכ'ן דאווענען

"טאטי, איך מיין אז איך האב שוין א תשובה צו די נעכטיגע שאלה," האט הערשי ארויפגעקוקט צום טאט'ן אויפן וועג אהיים פון שול.

"אָה אַה, מיר האלטען נאך ווייט פון די טשאלענט. " האט דער טאטע געקוואלן פון הערשי.

"יא, ברוך השם, דער איבערשטער האט מיר אריינגעבליצט די תשובה אין קאפ," האט הערשי געזאגט מיט א גלאנץ אין די אויגן, "דיין ענטפער וואס דו האסט געגעבן פאר ריטשארד האט מיר געמאכט טראכטן. מיר פארברענגען טאקע א סך צייט אין שול ווייל דאס איז עכט אונזער וויכטיגסטער פלאץ אין אונזער לעבן. אונזער לערנען, אונזער דאווענען, און אפילו רוב פון אונזערע שמחות קומען פאר אין שול. די ערשטע פלאץ וואס איך האב באזוכט נאכ'ן געבוירן ווערן איז געווען אין שול, ווען דו האסט מיר געברענגט צו מיין ברית!

איך מיין אז דאס איז די סיבה פארוואס די תורה רעדט אזויפיל פון דער משכן. די תורה וויל אונז לערנען די וויכטיגקייט פון דעם פלאץ וואו מיר טוען די עבודה ווייל צו דינען השי"ת איז די איינציגסטע און וויכטיגסטע זאך אין אונזער לעבן. דאס איז די סיבה פארוואס די תורה פארמערט פרשיות אויף פרשיות וואס רעדן איבער דער משכן, די כלים די בגדים און קרבנות.

דער טאטע האט געגעבן הערשי'ן, א קניפ אין בעקעלע. "אויסגעצייכנט!" איז דער טאטע ארויס פון התפעלות, "דיין תשובה איז געוואלדיג, האסט זייער גוט צוגעטראפן. דאס איז פונקט וואס הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל זאגט אין דער שיעור פון די וואכעדיגע סדרה. דער משכן איז געווען די איינציגסטע און וויכטיגסטער ציל פון כלל ישראל אזוי אויך דער בית המקדש, ווען מען איז אריין אין ארץ ישראל. אויף דער פלאץ וואו דער משכן איז געשטאנען, איז געווארן דער צענטער פון ארץ ישראל, אזוי ווי ירושלים איז געווארן דער צענטער ווען דער בית המקדש איז געשטאנען.

דער ערל, להבדיל, האט נישט פארשטאנען וואס איך האב אים מסביר געווען אבער דו מיט דיין גוטער קעפל האסטו גלייך אויפגעכאפט, ווייל דו ווייסט אז עבודת השם איז דער עיקר פון אונזער לעבן. ווי גרויס איז אונזער זכי' אז מיר זענען זוכה צו פארשטיין דעם וויכטיגער יסוד פון לעבן? הערשי, איך בין שטאלץ מיט דיר!"

הערשי האט געשטראלט. און נישט ווייל ער וועט באקומען א דאפלטע פארציע פון די צוויי-שטאקיגע טשאקלאד קעיק, נאר ער האט זיך געשפירט גליקליך און דערהויבן צו געהערן צו כלל ישראל וועלכע האבן א קלארע ציל אין לעבן, צו היטן די תורה.

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך 3#**